**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט וועגן פארטאפלען קאמיוניטי ביהעיוויארל העלט קליניקס, דורכן צאלן פאר 13 נייע קליניקס איבער ניו יארק

***קליניקס שטעלן צו סערוויסעס פאר ארום 65,000 ניו יארקער יעדע יאר; שטעלן צו ביהעיוויאר העלט סערוויסעס און קומער צו די מעגליכקייט צו צאלן***

***גאווערנער'ס $1 ביליאן פלאן צו פארברייטערן ניו יארק'ס פארזעצונג פון מענטל העלט קעיר וועט פארדרייפאכן דאס צאל קליניקס איבערן לאנד***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן וועגן באדינגטע באצאלונג פאר 13 נייע סערטיפייד קאמיוניטי ביהעיוויארל העלט קליניקס, אלס טייל פון די גאווערנער'ס $1 ביליאן פלאן איבערצומאכן דאס פארזעצונג פון מענטל העלט קעיר. ניו יארק'ס נאציאנאל-געפירטע ארבעט צו שטיצן מענטל העלט סערוויסעס און שאפן אינטעגרירטע קעיר מאדעלן וועלן העלפן די געברויכן פון ניו יארקער אן קומער צו זייער מעגליכקייט צו צאלן און כדי צו פארמאכן לעכער אין דעם דעקונג. דורכגעפירט דורך די סטעיט אפיס און מענטל העלט אין שותפות מיט די אפיס און אדיקשאן סערוויסעס און סאפורטס, וועלן די קליניקס דערהאלטן 3.5 מיליאן, וואס טאפלט דעם צאל קליניקס איבערן לאנד - אריינגערעכנט זעקס נייע לאקאציעס אין ניו יארק סיטי - און וועט שטארק פארברייטערן די געגנטן מיטן צושטעלן פארזענליך-פאקוסירטע קעיר פאר מענטשן וואס גייען דורך ביהעיוויארל העלט פראבלעמען.

"צו אפט זענען ניו יארקער וואס ליידן פון מענטל העלט פראבלעמען און אדיקשאן געצוואונגען צוניפצוקלייבן שטיקל-נאך-שטיקל די ספעציאליזירטע קעיר אין וועלכע זיי נויטיגן זיך אין א סיסטעם וואס איז לכתחילה נישט געמאכט געווארן פאסיג צו באהאנדלען דעם מענטש פולקאמערהייט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אין די פאריגע יאר האב איך פריאריטיזירט א $1 ביליאן אינוועסטמענט צו איבערמאכן דאס פארזעצונג פון מענטל העלט קעיר אין ניו יארק. דורך א באדייטנדע פארברייטערונג פון די צאל סערטיפייד קאמיוניטי ביהעיוויארל העלט קליניקס דורכאויס אונזער לאנד, קענען מיר בעסער איינארדענען מענטל קעיר און אדיקשאן קעיר צו מאכן דאס באהאנדלונג מער צוטריטליך צו אלע ניו יארקער."

די ערשטע יאר באדינגטע סטארט-אפ צאלונג פון $265,000 איז געגעבן געווארן צו 13 סערוויס פראוויידערס אויפצושטעלן קליניקס אין זיבן אפסטעיט קאונטיס און דריי בארא'ס פון ניו יארק סיטי. די נייע פלעצער וועלן זיך צושליסן צו 13 עקזיסטירנדע קליניקס, וועלכע שטעלן יעצט צו באלדיגע אינטעגרירטע מענטל העלט און דראג באנוץ דיסארדער סערוויסעס פאר ארום 65,000 מענטשן פון יעדער עלטער און צושטאנד פון אינשורענס.

אין ניו יארק סיטי, איז באדינגטע סטארט-אפ צאלונג געגעבן געווארן צו:

- **אהל קינדער'ס היים און פאמיליע (Ohel Children's Home & Family)** אין ברוקלין
- **אינטערבארא דעוועלאפמענט סענטער (Interborough Developmental Center)** אין ברוקלין
- **קאטאליק טשאריטיס נעיבערהוד סערוויסעס (Catholic Charities Neighborhood Services)** אין קווינס
- **אויטריטש דעוועלאפמענט קארפארעישאן (Outreach Development Corporation)** אין קווינס
- **קאמיוניטי אסאסיעישאן אוו פראגרעסיוו דאמיניקענס (Community Association of Progressive Dominicans)** אין מענהעטען
- **פאוסטגראדועיט סענטער פאר מענטל העלט (Postgraduate Center for Mental Health)** אין מענהעטען

אין געגנטער אפסטעיט, זענען די באדינגטע געשענק צוגעשטעלט געווארן צו:

- **ביהעיוויארל העלט סערוויסעס נארט (Behavioral Health Services North)** אין די קאפיטאל ראיאן
- **אפסטעיט סערעבראל פאלסי (Upstate Cerebral Palsy)** אין די מוהאווק וועלי
- **CASA טריניטי (CASA Trinity)** אין די סאוטערן טיער
- **ליבערטי ריסארסעס (Liberty Resources)** אין צענטראל ניו יארק
- **פינגער לעיקס קאונסעלינג און רעקאווערי עידזשענסי (Finger Lakes Counseling & Recovery Agency)** אין די פינגער לעיקס
- **וועסטשעסטער דזשואיש קאמיוניטי סערוויסעס (Westchester Jewish Community Services)** אין מיד-האסטאן
- **ביהעיוויארל העלט סערוויסעס נארט (Behavioral Health Services North)** אין די נארט קאנטרי

גאווערנער האקול האט געמאלדן וועגן די געשענק אין פארלויף פון א באזוך צו VIP קאמיוניטי סערוויסעס מיטוואך אין די בראנקס. זינט 1974, האט VIP אנגעפירט א קליניק וואס האט צוגעשטעלט פאמיליע-פאקוסירטע אינטעגרירטע סערוויסעס פאר מענטל קראנקהייט און דראג באנוץ דיסארדערס, אריינגערעכנט קריזיס אינטערווענשאן סערוויסעס און קעיר קאארדינאציע.

גאווערנער האקול'ס פיסקאל יאר 2024 בודזשעט האט פארברייטערט דאס צאלונג פאר סערטיפייד קאמיוניטי ביהעיוויארל העלט קליניקס איבערן לאנד מיט 14.7 מיליאן, דאס נעמט אריין צאלונג פון די סטעיט'ס ניי-געשאפענע קאסטפריי קעיר פול מיטן אויפשטעלן די ערשטע פלעצער אין ניו יארק אין 2017, האבן די קליניקס צוגעשטעלט פולשטענדיגע סערוויסעס און קאארדינירטע קעיר פון ביהעיוויארל, פיזישע העלט, און סאושעל סערוויס סיסטעמען. די קליניקס שטעלן צו קעיר צו סיי וועלכער מענטש וואס ברויך הילף פאר מענטל העלט אדער דראג באנוץ, אן קומער צו זייער מעגליכקייט צו צאלן, וואוינארט, אדער עלטער.

אין אנהויב דעם יאר, האט ניו יארק סטעיט צוגעטיילט 5.1 מיליאן פאר דאס פארברייטערן עקזיסטירנדע קליניקס נוצנדיג פעדעראל אמעריקען רעסקיו פלאן אקט דאלארן. די געלטער וועלן פארזעצן צו פארשטארקן דאס באווירקונג פון די ווערטפולע פראגראם איבער ניו יארק סטעיט.

די קליניקס פארבינדן מענטשן צו אדער שטעלן צו דירעקט קריזיס מענטל העלט סערוויסעס, אריינרעכנדיג 24-שעה מאבילע קריזיס טימס, עמערגענץ קריזיס אינטערווענשאן, און קריזיס סטאביליזאציע; סקרינינג

און אפשאצונגען; פלאנען פאציענט-פאקוסירטע באהאנדלונג; און דרויסנדע מענטל העלט און דראג באנוץ סערוויסעס. דערצו העלפן די פאסיליטיס צו פארבינדן מענטשן צו דרויסנדע ערשט-קלאסיגע קעיר סקרינינג און מאניטארינג; פאקוסירטע קעיס אנפירונג; פסיכיאטרישע ריהאביליטעישאן סערוויסעס; שטיצע סערוויסעס פאר דעם פארטנער און פאמיליע; און אינטענסיווע געמיינדע-באזירטע מענטל העלט קעיר פאר וועטעראנס און מיטגלידער פון די באוואפנטע דינסטן.

**ניו יארק סטעיט אפיס אוו מענטל העלט קאמישינער דר. אן סוליוואן האט געזאגט,** "ניו יארקער נויטיגן זיך אין צוטריט צו די סערוויסעס זיי דארפן אין איין פלאץ וועלכע שטעלט צו אינטעגרירטע דראג באנוץ, מענטל העלט און פיזישע העלט קעיר. סערטיפייד קאמיוניטי ביהעיוויארל העלט קליניקס שטעלן צו די פולשטענדיגע קעיר און דורכ זיי צעשפרייטן איבערן לאנד, קענען מיר פיל מער פארבעסערן דאס צוטריט איבער ניו יארק סטעיט. מיט דעם פארברייטערונג, איז גאווערנער האקול געטריי צו איר פארפליכטונג צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו קוואליטי מענטל העלט קעיר."

**די אפיס אוו אדיקשאן סערוויסעס און סאפורטס קאמישינער דר. טשינאזו קונינגהאם האט געזאגט,** "דאס גרינדן די נייע קליניקס פאלגט אויס דאס צוזאג גאווערנער האקול האט געמאכט צו פארברייטערן די סטעיט'ס פארזעצונג פון געבן קעיר פאר די וואס נויטיגן זיך אין סערוויסעס פאר זייער ביהעיוויאר, פיזישע העלט, דראג באנוץ און אנדערע איבערגעחזר'טע צושטאנדן. עס צייגט א פעסטע פארפליכטונג פון די סטעיט צוצושטעלן פולשטענדיגע קעיר וועלכע ענטפערט אויף די אייגנארטיגע העלט קעיר געברויכן פון אלע ניו יארקער, און OASAS ווארט אויס פארצוזעצן פארברייטערן די אינציאטיווע מאדעל צו העלפן מער מענטשן באקומען נויטיגע הילף און שטיצע."

VIP **קאמיוניטי סערוויסעס CEO דעביאן פלעטשער-בלעיק האט געזאגט,** "VIP איז צעפרידן אז די גאווערנער האט אינוועסטירט אין קעיר פאר מענטשן מיט מענטל קראנקהייט און דראג באנוץ דיסארדער. איר שטיצע פאר oCCBHC וועט אן צווייפל טוישן די וועג ווי אזוי קעיר איז געגעבן געווארן אין אונזער סטעיט. דער מאדעל פון קעיר סימבאליזירט עכטע אינטעגרירטע קעיר. די געלטער זענען אן אינוועסטמענט אין יושר'דיגע העלט קעיר פאר ניו יארקער. איך שעץ ביידע OASAS און OMH פארן אינוועסטירן אין דעם מאדעל."

**סטעיט סענאטאר סאמרא ברוק האט געזאגט,** "אלס טשעירמאן פון די ניו יארק סטעיט סענאט קאמיטעט אויף מענטל העלט, בין איך דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר איר פארפליכטונג צו שטארקן אונזער סטעיט'ס מענטל העלט אינפראסטראקטור. די נייע סערטיפייד קאמיוניטי ביהעיוויארל העלט קליניקס וועלן העלפן מאכן זיכער אז מער ניו יארקער קענען דערהאלטן מיטליידנדע, בכבוד'יגע קעיר געגעבן אין צייט דורך בעסער באהאנדלען מענטל קעיר און אדיקשאן קעיר און דורכן פארמינערן די שטערונגען צו באקומען קעיר. איך ווארט אויס צו פארזעצנדע צוזאמארבעט מיטן גאווערנער צו איבערמאכן אונזער מענטל העלט סיסטעם."

**סטעיט סענאטאר נאטאליא פערנאנדעז האט געזאגט,** "איך בין שטארק צופרידן צו זען גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארברייטערן צוטריט צו מענטל העלט קעיר דורך באצאלן פאר 13 נייע סערטיפייד קאמיוניטי ביהעיוויארל קליניקס. די איניציאטווע איז א קריטישע שריט צו פארזיכערן אז ניו יארקער, אן קומער צו זייערע מעגליכקייט צו צאלן, האבן צוטריט צו פערזענליך-פאקוסירטע און טראומע-אינפארמירטע קעיר פאר ביהעיוויאר העלט פראבלעמען. מיטן פארדרייפאכן די צאל קליניקס איבערן לאנד, מאכן מיר שריט צו גרייכן א מער אינטעגרירטע און פולשטענדיגע מענטל העלט קעיר סיסטעם. עס איז העכסט נויטיג מיר זאלן פארזעצן אדרעסירן די לעכער אין דעקן און באקעמפפן פארן ערהוילונג פון יעדן מענטש וואס ראנגלט זיך מיט ביהעיוויארל העלט פראבלעמען, אן קומער צו זייערע אומשטענדן."

**אסעמבלימעמבער עילין גונטער האט געזאגט,** "ביהעיוויארל העלט קעיר איז וויכטיג פאר אלע אונזערע געמיינדעס. אלס רעגיסטרירטע נוירס און אסעמבלימעמבער האב איך אליין געזען דעם גערױנגל צוזושטעלן גענוג צוטריט צו מענטל העלט קעיר פאר אלע ניו יארקער. איך אפלאדיר גאווערנער האקול אויף די אינוועסטירונג אין 13 נייע ביהעיוויאר העלט קליניקס. איך האב אייביגע געקעמפט פאר וואס איז דאס בעסטע פאר מיינע וויילער, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול צו ווייטער אויסברייטערן אונזער ביהעיוויארעל העלטקעיר אינפרוסטרוקטור אז די אלע וואס נויטיגן זיך אין גייסטישע געזונט הילף ספעציעל אין דערפישע קאונטיס האבן די צוטריט וואס זיי דארפן."

די קליניק אויסברייטערונג איז א טייל פון א 181.6 מיליאן אינוועסטירונג צו דראמאטיש אויסברייטערן אוטפאציענט סערוויסעס. די פאזירטע אויסברייטערונג וואס ווערט גערופן אין די פלאן וועט דעוועלאפן 26 נייע קליניקס אויף יולי 2025.

פאנדינג פאר די קליניקס איז א טייל פון גאווערנער האקול'ס $1 ביליאן פלאן צו פארבעסערן ניו יארק סטעיט'ס גייסטישע געזונט קעיר סיסטעם דורך צולייגן אויסהאלטונג דורכאויס די סיסטעם, אויסברייטערן עקזיסטירנדע פראגראמען מיט א רעקארד פון סוקסעס, און פאנדן ניי באוויזן-באזירטע איניציאטיוון געצילט צו פארמאכן אידענטיפיצירטע לעכער. אדאפטירט אלס טייל פון די פיסקאל יאר 2024 בודזשעט, איז די פלאן געצילט צו דראמאטיש אויסברייטערן צוטריט, רעדוצירן די צייט פוןווארטן, און פארזיכערן געאייניגטע שטאפלען פון באהאנדלונג פאר אלע ניו יארקער וואס לעבן מיט גייסטישע קרענק.

די פלאן נעמט אריין אויסברייטערן אוטפאציענט געמיינדע-באזירטע סערוויסעס, שאפנדיג נייע הילפס האוזינג יוניטס צו סערווירן ניו יארקער מיט גייסטישע קרענק, און ארויסבויען פראגראמען וואס האבן דעמאנסטרירט רעקארדס פון סוקסעס. די פלאן בויט אויך ארויף אויף פריערדיגע אינוועסטירונגען וואס זענען שוין געמאכט געווארן אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, העלפנדיג צו פארשטאפן לעכער און זיכער מאכן אז די סיסטעם שטעלט צו אויף א צופרידנשטעלנדן פארנעם אלע גייסטישע געזונטהייט קעיר באדערפעינישן פון אלע ניו יארקער וועלכע זענען אין קריזיס, אריינרעכענענדיג באזייטיגטע און שוואכערע באפעלקערונגען.

פריער די הערבסט, האט די אפיס פון גייסטישע געזונט פארענדיגט אנווייזונגען אויף אפשאצונג און ארויסלאזן פראקטיצירונגען פאר אויספירליכע פסיכיאטערישע עמערדזשענסי פראגראמען און עמערדזשענסי אפטיילונגען, און פאר ארטיקל 28 און פרייוואט ארטיקל 31 אינפאציענט אנשטאלטן. די אנווייזונגען שטעלט די ערווארטעטע סטאנדארט פון פארזארגונג פארן באאכבאטן, אפשאצן, און ארויסלאזן אינדיווידואלן מיט אויפפירונג געזונט צושטענדן און וועט העלפן פארזיכערן אז אינדיווידואלן גייען ארויס מיט פאסיגע געמיינדע שטיצע.

די אגענטור טוט אויך אנטוויקלען 50 נייע קריטישע צייט אינטערווענירונג באהאנדלונג קאארדינירונג גרופעס צו צושטעלן ארומנעמנדע סערוויסעס פאר ארויסגעלאזטע פאציענטן - פון באהאנדלונג, צו האוזינג, צו געמיינדע און ערהוילונג שטיצע. גלייכצייטיג, 42 נייע אסערטיוו קאמיוניטי טריעטמענט שטאבן ווערן אנטוויקלט צו צושטעלן אינטענסיווע געמיינדע סערוויסעס צו ניו יארקער מיט די העכסטע שטאפל פון נויט.

ערגענצנדיג די באמיאונגען, האט גאווערנער האקול אוועקגעשטעלט די סטעיט'ס ערשטע איבערגאנג צו היים יוניטס ביי די מאנהעטן פסיכיאטערישע צענטער צו העלפן צושטעלן ערהוילונג-אריענטירטע באהאנדלונג פאר אינדיווידואלן וואס מוטשענען זיך מיט כראנישע היימלאזיגקייט. די צווייִ אנשטאלט יוניטס מיט 25 בעטן האבן א מאנשאפטן פון איינגעשטעלטע וואס באשטייט פון דאקטוירים, נוירסעס, סאָושעל וואָרקערס, אַקיופּעישענעל טעראפיסטס און אנדערע קלינישע און נישט-קלינישע

איינגעשטעלטע וועלכע זענען דארט צו צושטעלן ערהוילונג-קאנצענטרירטע באהאנדלונג מיט ד ציהל צו עווענטועל אהיימשיקן די פאציענטן צו באקומען קאמיוניטי-באזירטע קעיר.

אלס טייל פון די פלאן, טוט OMH אויך צושטעלן פאנדינג צו אנטוויקלען און אפערירן 3,500 נייע רעזידענשל יוניטס פאר ניו יארקער מיט גייסטישע קרענק. די יוניטס נעמען אריין 500 קאמיוניטי וואוין ערטער איין צימער אקופירנדע יוניטס וואס שטעלן צו האוזינג און דרינגליכע סערוויסעס פאר אינדיווידואלן מיט ערנסטע מענטל העלט קרענק וואס זענען אין די מערסטע ריזיקע פון היימלאזיגקייט; 900 צייטווייליגע סטעפ-דאון יוניטס; 600 לייסענסד אפארטמענטס צו סערווירן מענטשן וואס נויטיגן זיך אין א מיטלגארטיגע שטאפל פון סערוויסעס.

אויך אריינגערעכנט זענען 1,500 הילפס האוזינג יוניטס וואס וועלן סערווירן אינדיווידואלן מיט אן ערנסטע גייסטישע קרענק וואס האבן ווייניגער ערנסטע געברויכן, אבער נויטיגן זיך נאך אלס אין הילף צו וואוינען אליין. ביז היינט, האט OMH ארויסגעגעבן באזארגונג פאר נאנט צו 690 מיליאן פון די טאטאלע פאנדינג וואס איז געמאכט געווארן אוועילעבל דורך די פלאן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418